שנה א' גליון ו'
**פרשת חיי שרה**
תשפ"ד

גליון
# יומא בהילולא

## לוח ההילולא

<u>כ"ז חשון</u>

א) הגאון רבי משה יקותיאל קויפמאן כ"ץ זצ"ל.
ב) הגאון רבי שלמה הירשל בערלינער זצ"ל גאב"ד לאנדאן והמדינה.
ג) הגאון רבי דוד צבי עהרנפעלד זצ"ל.

<u>כ"ח חשון</u>

א) הגאון רבי צבי הירש בארטינעס מקראקא זצ"ל.

<u>כ"ט חשון</u>

א) הרה"ק רבי יצחק שלמה מזעליחוב זצ"ל.

<u>ל' חשון</u>

א) הגאון רבי ישכר דוב בערנשטיין זצ"ל אב"ד האנבער.
ב) הרה"ק רבי צבי הירש מרימינוב זצ"ל.

<u>א' כסלו</u>

א) הגה"ק רבי שלום שכנא זצ"ל אב"ד לובלין.
ב) הגאון רבי יוסף שמואל זצ"ל בעל הגהות הש"ס.

<u>ב' כסלו</u>

א) הגאון רבי אברהם איינהארן זצ"ל דומ"ץ סאמבאטהעלי.
ב) הרה"ק רבי ישראל יצחק באראן מראדשיץ זצ"ל.

<u>ג' כסלו</u>

א) הגאון רבי נחמיה שליט זצ"ל אב"ד סאסוב.
ב) הגאון רבי ברוך עוזר זצ"ל ראב"ד אה"ו.

## כ"ז חשון

### הגאון ר' משה יקותיאל קויפמאן כ"ץ זצ"ל

געבוירן צו זיין פאטער רבי אביגדור כ"ץ זצ"ל און זיין מוטער מרת פיגלא ע"ה, בשנת תכ"א, אין שטאט קראטשין במדינת פולין. פון אלס יונג קינד איז ער שוין געוועןן באוויסט מיט זיין תורה און חכמה און געוועןן מפורסם אלס עלי' מופלא. אום שבת חנוכה שנת תל"ו, איז ער א חתן געווארן און האט חתונה געהאט מיט הרבנית אידל, די טאכטער פונעם מגן אברהם זצ"ל. נאך די חתונה האט ער זיך באזעצט אין שטאט קאליש נעבן זיין גרויסן שווער. אין יענער יאר האט אויסגעבראכן א שריפה נוראה ל"ע אין קאליש, האט ער זיך געצויגן צו די שטאט פוזנא. דארט האט ער געלערנט ביים פוזנא רב הגה"ק רבי יצחק הגדול מפוזנא זצ"ל. שפעטער האט ער זיך צוריקגעקערט צום שטאט קאליש אין האט דארט אנגעהויבן מרביץ תורה זיין. אין יאר תל"ט, אלט זייענדיג ניינצין יאר איז ער געשיקט געווארן דורך זיין שווער דער מגן אברהם קיין דייטשלאנד צו עוסק זיין מיטן דריקן זיין ספר מגן אברהם. אויפן וועג האט ער זיך אויפגעהאלטן אין ליסע. דארטן אין ליסע האט ער ערהאלטן א בריוו פון זיין טאטע און שווער, ווי זיי זענען איהם מבשר אז די מענטשן פון שטאט קוטנא ווילן אים אויפנעמען אלס רב אין קוטנא. אזוי אויך האט ער מקבל געווען א בריוו פון זיין רבי מהר"י פוזנא, ווי ער זאגט איהם אז ער זאל נישט פארן קיין אשכנז נאר ער זאל גיין צו די שטאט שטרים, דארט וועט פארקומען א וועד און מען וועט איהם געבן א היתר הוראה. דאן איז ער געווארן רב אין קוטנא און אויף אלע אירע גלילות, די קהילות גאסטינין,זאכלין, קראשנואיטץ און סאבטא. טראץ זיין יונגע עלטער האט ער געפירט זיין רבנות ביד רמה ובתקיפות. פערצן יאר האט ער געדינט אלס רב אין קוטנא והגלילות און נאך דעם האט ער זיך צוריק געצויגן צו זיין געבורט שטאט קראטשין ווי ער האט דארט משמש געווען אלס דיין. אביסל שפעטער האט ער געדינט אלס דיין אינעם יריד לוביטש אינאינעם מיט הגאון ר' יונה נחום כ"ץ זצ"ל (ברידער פון ש"ך) אב"ד ור"מ סאכטשוב. זיין גרויסע התמדה איז געווען א שם דבר און אפילו ווען ער האט געהאט אסאך טרדות פון די עול הרבנות האט ער זיך ער ממית געווען באהלה של תורה. ער פלעגט אויך טיילן סגולות און שרייבן קמיעות. סוף ימיו ווען עס איז איהם לייכטער געווארן די עול הציבור האט ער עוסק געווען מיטן ארויסגעבן זיינע חיבורים. ביום כ"ז חשון שנת תפ"ב איז ער נסתלק געווארן. מח"ס תקון שמירת שבת - דיני שבת עם פירוש חקי חיים (אויפבאך תמ"ח) הערות אויפן ספר ישמח ישראל "זאת חוקת התורה -לקוטי דינים . לחם הפנים על שו"ע יו"ד ח"א הענא וח"ב אמסטערדאם תצ"ב תע"ו ספר חקי דרך וספר דרך משפט על שו"ע אה"ע וחו"מ דניהרנפורט תק"ז ועוד בכת"י. (ראה תולדתיו שכתב בעצמו ונדפס בקובץ צפונות קו' י"ג וקו' י"ד)

### הגאון רבי שלמה הירשל בערלינער זצ"ל
### גאב"ד לאנדאן
### ורב הכולל מדינת ענגלאנד וחבר העמים הבריטי

געבוירן ביום י"ט שבט תקכ"ב אין לאנדאן צו זיין פאטער הגאון רבי צבי הירש זצ"ל אב"ד לאנדאן, האלבערשטאט, מאנהיים, און בערלין. ווען ער איז אלט געווען צוויי יאר איז ער אריבער אינאיינעם מיט זיין טאטע קיין האלבערשאט, דערנאך קיין מאנהיים און שפעטער קיין בערלין. ער האט חתונה געהאט מיט מרת רבקה ע"ה טאכטער פון הג"מ ר' יוסף קעניגסבערג זצ"ל. ערשט איז ער געווען רב אין שטאט פערנצלוי. אים שנת תקס"ב איז ער נתקבל געווארן אלס רב ואב"ד דקהילות האשכנזים בלאנדאן. פאר איבער פערציג יאר איז ער געווען רב אין לאנדאן, זיין רבנות האט ער געפירט מיט א שטארקקייט. קודם איז ער נאר געווען רב פאר ביהמ"ד הגדול (ד"ע גרעי"ט סינאגוג"ע), אבער מיט זיין געוואלדיגע השפעה איז זיין מיינונג נתקבל געווארן אין די גאנצע מדינה און נישט נאר אין ענגלאנד נאר אויף די גאנצע בריטשע איפריע (דאן האט די ענגלישע מלוכה געוועלטיגט אויף א האלבע וועלט). רבי שלמה איז געווען מפורסם פאר א גדול בתורה און חריף, געווען באליבט פאר ווער עס האט אים נאר געזעהן און נכבד בעיני השרים. אים שבת ויו"ט פלעגט ער גיין אנגעטוהן מיט בגדי לבנים, מיט א קאלפיק חבוש על ראשו, ותארו כפני מלך ישראל. זיצנדיג אויף זיין רבנות שטעלע האט ער איינגעפירט אסאך תקנות לחיזוק הדת און שחיטה, אזוי אויך פאר די חינוך הטהור. ער האט געעפענט א ת"ת ווי די לימודים

און עסן זענען געווען אומזיסט. סוף ימיו האט ער געפירט א קאמף אנטקעגן די משכילים. אלע דרשות וואס ער האט געהאלטן איז נאר געווען אויף אידיש. ער האט משתתף פעולה געווען מיטן דעמאלטס'דיגע לאנדאנ'ער רב פון די ספרדישע קהילה הגה"ק ר' רפאל מילדולה זצ"ל אב"ד דק"ק שערי שמים שע"י יוצאי ספרד ופאריטגאל בלאנדאן ובעל חופת חתנים (עס איז כדאי אנצוצייכענען אז יארן לאנג האבן זיי ביידע געדינט אלס רב אינאיינעם און זיי האבן בכלל נישט געקענט די שפת המדינה-ענגלי"ש), אינאיינם האבן זיי עוסק געווען צו מתקן זיין די פירצות הדת. נאכן הסתלקות פון ר' רפאל זצ"ל האט ער עוסק געווען מיט זיין זון ומ"מ הגאון ר' דוד מילדולה זצ"ל חכם דק"ק שערי שמים. די לאנדאנ'ע אידן זענען געווען מער וויניגער פשוטע און עמי ארצים און רוב זענען שוין געגאנגען ארבייטן יונגערהייט ולא מצאו ידיהם ורגלים בבית המדרש, האט ער געשטעלט איינער זאל ארויסגעבן א צייטונג מיטן נאמען "היבר"ו ריאוו"י ענ"ד מעגעזי"ן פא"ר ראביניכע"ל ליטעריטא"ר", ווי מען האט געשריבן דארט מאמרים ביוסדי הדת והאמונה. עס איז ארויסגעקומען מידי חודש בחדשו און מען האט עס אויך מפיץ געווען אין אנדערע מדינות ווי דענמארק, שוועדין ועוד. רבי שלמה האט זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד און געווען א גרויסער עושר. ער האט מצליח געווען אנצוזאמלען א הון רב און האט עס איבער געלאזט פאר זיינע קינדער. ער האט זיי באפוילן בשום אופן נישט צו בלייבן וואוינען אין ענגלאנד, וואס איז בימים ההם נישט געווען קיין מקום תורה, זיינע קינדער האבן אים געפאלגט אין טייל פון זיי זענען געפארן קיין פוילן און טייל קיין ארה"ק ת"ו. סוף ימיו איז ער קראנק געווארן, ראש השנה שנת תר"ג האט ער זיך נאך משתתף געווען בעת התפילה און נאך דעם איז ער אוועק געפאלן, וואס פון דעם איז ער מער נישט אויף געשטאנען. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ו חשון שנת תר"ג ומנו"כ בביה"ח שע"י ק"ק כנסת ישראל בבעטני"ל גרי"ן אין לאנדאן. אין די גאנצע וועלט האט מען אים מספיד געווען, אין ספר מהר"מ שי"ק פרשת ברכה איז געדריקט א הספד אויפן ישמח משה און אויף רבי שלמה וז"ל והנה היום הזה נקבע להספד לעורר קינים ונהי על העדר קדוש ה' הרב הגאון והחסיד קדוש יאמר לו מהו' משה טייטלבוים זצ"ל אב"ד דק"ק איהעלל והשני אב"ד הגאון הגדול מוה"ר שלמה אב"ד דק"ק לאנדן ואם אמנם רחוקים הי' מאתנו מי לא שמע מעצם תפארת הוד תורתם והיראה והמוסר והמדות טובת וכו'. (ראה קובץ פעלים לתורה גליון מ"ט)

**דער ביה"ח וועט אי"ה זיין אפן דעם קומענדיגע זונטאג**
**פרשת תולדות פון 11:30 פארמיטאג ביז 3:30 נאך מיטאג.**
**דער אדרעס איז 47 Brady ST. London E1 5DW**
**עס נעמט צו פארן א קארגע צוואנציג מינוט פון די**
**היימישע סטעמפארד היל געגנט.**
**פאר א הזכרה ביטע רופט וועד למען קדושי ענגלאנד.**
**אין אמעריקא**
**1-845-315-1110**
**אין איירפא**
**44-7876-314238**

## הגאון רבי דוד צבי עהרנפעלד זצ"ל

געבוירן בשנת תקס"ז אין שטאט טירנוי-סלאוואקיי צו זיין פאטער הגביר המפורסם מוה"ר שאול זצ"ל. יונגערהייט האט ער געלערנט אין שטאט סערדאהעלי ביי הגאון ר' אהרן סודיץ זצ"ל. לערנענדיג דארט אין ישיבה האט ער שוין געקענט א חלק ניכר פון שו"ע חושן משפט. אין שנת תק"פ איז ער אריין לערנען ביים הייליגן חתם סופר זצ"ל אין די ישיבה אין שטאט פרעשבורג. שפעטער בשנת תקפ"ז איז ער א חתן געווארן מיט הרבנית מרת הינדל ע"ה, טאכטער פון זיין רבי'ן דער חתם סופר זצ"ל. ער האט חתונה געהאט צוויי יאר שפעטער ביום ט"ז סיון שנת תקפ"ט. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין פרעשבורג. דער חתם סופר ברענגט אסאך אין זיינע ספרים בשמו, אזוי אויך האט אים צומאל דער חתם סופר געבעטן צו שרייבן זיינע תשובות בשמו (ראה שו"ת חת"ס או"ח סי' קע"ד וקובץ תשובות סי' ס"ב). ר' דוד צבי איז געווען א למדן און א חריף עצום. ער איז געווען א סוחר און אעפ"כ האט ער מקדש געווען די צייט פאר די תוה"ק. ער האט פארמאגט א געשעפט פון צוקער און בין קונה לקונה פלעגט ער זיך מפלפל זיין מיט לערנען אינאיינעם מיט זיין זון דער חתן סופר, וואס האט אים געהאלפן אין געשעפט. זיין זון דער חתן סופר שרייבט אויף זיין טאטן "מעולם לא ראיתי השתוקקות כזה לתורה, מעולם לא הלך בעסקי משה מתן שלו בלא עיון התורה, ושם לילות כימים באהבתה אשר בו בערה, וגדל והצליח בה, ולולא שסירב לקבל רבנות ועל ידי זה היה נדרט במשא מתן היה כאחד ממאורי ישראל וכו' ". ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ז חשון שנת תרכ"ב אלט זייענדיג בלויז פיר און פופציג יאר ומנו"כ בביה"ח החדש בעיר פרעשבורג. (ראה דור דור וסופריו גליון י"ד)

## כ"ח חשון

## הגאון רבי צבי הירש בארטינעס מקראקא זצ"ל

געבוירן צו זיין פאטער רבי יצחק יעקב זצ"ל און זיין מוטער מרת ברטינעס ע"ה, צוליב דעם האט מען אים גערופן ר' הירש בארטינעס. ער האט חתונה געהאט מיט מרת ציפרל ע"ה. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי אליעזר טרויוויש זצ"ל. ער איז געווען א גאון מופלג ובפרט אין הלכות שחיטה ובדיקה וניקור און ער האט געדינט אלס שו"ב אין קראקא אין די צייטן פון רמ"א. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ח חשון שנת שנ"ג מח"ס שחיטות ובדיקות מהר"ץ. (ראה אוצר הגדולים אלופי יעקב בערכו)

## כ"ט חשון

## הרה"ק רבי יצחק שלמה מזעליחוב זצ"ל

געבוירן שנת תקע"ג צו זיין פאטער הרה"ק ר' יחיאל מיכל מזיוועהל זצ"ל און זיין מוטער די טאכטער פון הרה"ק רבי ישראל חיים מלאדמיר זצ"ל. ער איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק ר' משה'לע קאזשניצער זצ"ל. ער האט זיך מסופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי ירחמיאל מפרשיסחא זצ"ל, הרה"ק ר' ישעי מפשעדבוזש זצ"ל, הרה"ק ממגלאניצא זצ"ל,

הרה"ק רבי אלעזר מקאשניץ זצ"ל און הרה"ק רבי איציקל נעשחיזער זצ"ל. ערשט האט ער נישט געוואלט זיין קיין רב און אדמו"ר, האט ער עוסק געווען אין מסחר, נאכן פטירה פון זיין טאטע'ן בשנת תרט"ז, איז ער נתקבל געווארן אלס מ"מ אין זיוהעל. שפעטער איז ער געווארן רב אין מאגנישוב און דערנאך אין זעליחוב. ער איז געווען א איש אלקים קדוש, בעל רוח הקדוש אמתי, א צדיק הדור וואס טויזנטער זענען געגאנגען לאורו. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ט חשון שנת תרל"ב.

## ל' חשון

### הגאון רבי ישכר דוב בערנשטיין זצ"ל
### אב"ד האנבער

געבוירן ביום ז' אב שנת תק"ז אין שטאט פראנקפורט צו זיין פאטער הגאון רבי ארי ליב זצ"ל אב"ד הנבור בעל פני ארי' און צו זיין מוטער טאכטער פון הגאון רבי יחיאל מיכל היילפרין אב"ד בערזשאן. ער האט געלערנט ביי זיין טאטע'ן און ביי הגאון רבי צבי הירש זצ"ל אב"ד בערלין לאנדאן ועוד. ער איז געווען אן איידעם ביי הגאון רבי יצחק הלוי הורוויץ זצ"ל אב"ד אה"ו. בשנת תקמ"ט איז ער אויפגענומען געווארן אלס אב"ד הנבור והמדינה. ער איז געווען א אדם גדול בענקים ש"ס בבלי וירושלמי ראשונים ואחרונים זענען געווען שגורים על פיו, ווי אויך איז ער געווען א בקי און אלע שבע חכמות ובפרט אין חכמת החשבון. אויך איז ער געווען א מקרוב למלכות און מיט זיינע השתדלת האט ער אסאך ארויסגעהאלפן די אידן אין די מדינה. ער איז נסתלק געווארן ביום ל' חשון שנת תקס"ג.

### הרה"ק רבי צבי הירש הכהן מרימינוב זצ"ל

געבוירן בשנת תקל"ח אין שטאט דאמבראוואו צו זיין פאטער רבי יהודא ליב ז"ל. ווען ער איז אלט געווען צען יאר איז ער ל"ע נתייסם געווארן פון זיין פאטער ל"ע. זיין מוטער איז דאן אריבער וואוינען קיין טארנא, דארט האט ער עוסק געווען פאר פרנסה אלס א העלפער ביי א שניידער. פון קינדווארג אן האט ער געהאט א השתקקות צו מקרב ווערן צו צדיקי אמת. ווען ער איז אלט געווען פופצן יאר האט ער מחליט געווען אז ער וועט נאר עוסק זיין אין עבודת ה' איז ער געגאנגען צו די ביהמ"ד פון הרה"ק רבי מענדלע מרימינוב זצ"ל, וואס האט אים מורא'דיג מקרב געווען, ביז ער איז נתמנה געווארן אלס משמש בקדוש. מען האט אים גערופן רבי הערש משרת. נאכן הסתלקות פון זיין רבי'ן איז ער נתמנה געווארן אלס מ"מ. כמעט אלע צדיקי הדור זענען געפארן זיך מסתופף זיין בצלו. זיי האבן געזען ביי אים געוואלדיגע מדריגות און קדושה וטהרה און פועל ישועות ורוח הקדוש. ער איז נסתלק געווארן ביום ל' חשון אר"ח כסלו שנת תר"ז ומנו"כ אין רימינוב. זיינע ד"ת איז געדריקט אין ספר בארת המים.

## א' כסלו

### הגה"ק רבי שלום שכנא זצ"ל
### אב"ד לובלין

געבוירן צו זיין פאטער הגאון רבי יוסף זצ"ל בשנת רנ"ה. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי יעקב הלוי פאללאק זצ"ל בעל החלוקים. ער איז געווען א גאון הגאונים אין מאור הגולה. בשנת ר"פ איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין לובלין. ער האט פארמאגט א ישיבה אין לובלין און האט דארט מרביץ תורה געווען פאר פערציג יאר. עס האבן דארט געלערנט גדולי הדור, צווישן זיי זיין איידעם דער רמ"א, דער מהרש"ל און נאך. ער איז נסתלק געווארן ביום א' כסלו שנת ה' אלפים שי"ט. (ראה אוצר הגדולים אלופי יעקב בערכו)

### הגאון רבי יוסף שמואל זצ"ל
### בעל הגהות הש"ס

געבוירן אין שטאט קרעמניץ צו זיין פאטער הגאון רבי צבי הירש ז"ל. זייענדיג גאר יונג איז ער שוין מפורסם געווען אלס אן עלי' נפלא. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון רבי איציק ר' עקיבא'ס פון פרעמשלא זצ"ל. נאך וואס זי איז נסתלק געווארן האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הגאון רבי חיים ר' ישעי'ס מקראקא זצ"ל, און ער איז אריבער קיין קראקא. דארט האט ער געלערנט מיט א שקידה נפלאה און האט מרביץ תורה געווען ברבים. ער איז געווארן מלא וגדוש בש"ס ופוסקים בנגלה ובנסתר און איז אויפגענומען געווארן אלס דיין אין שטאט. פאר פערצן יאר האט ער משמש געווען אלס דיין אין קראקא, ביז בשנת ת"נ איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט פראנקפורט. דארט האט ער אויך געעפענט א ישיבה און פון די גאנצע וועלט איז מען געקומען לערנען ביי אים. ער איז נסתלק געווארן ביום א' כסלו שנת תס"ד ומנו"כ אין שטאט פראנקפורט דמיין. ער האט מרחיב געווען די מסורות הש"ס און אזוי אויך האט ער געשריבן הגהות אויף ש"ס און געמאכט די דברי המשתחיל'ס אין רש"י און אין תוספות. (ראה קיצור תולדות רבותינו האחרונים מפרשי הש"ס)

## ב' כסלו

### הרה"ג רבי אברהם איינהארן זצ"ל
### דומ"ץ סאמבאטהעלי

געבוירן שנת תרמ"ד צו זיין פאטער הגאון רבי צבי הירש איינהארן זצ"ל הי"ד אב"ד נעדיץ און צו זיין מוטער מרת שרה פייגל ע"ה. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי שמואל ראזנבערג זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט האשה מרת רבקה ע"ה בת הרה"ג רבי חיים וויטריאל זצ"ל דומ"ץ מישקאלץ. אלס יונגערמאן האט ער געדינט אלס דומ"ץ ק"ק שוראני, דארט איז נפטר געווארן זיין פרוי ל"ע בשנת תרע"ז, האט ער חתונה געהאט בזוו"ש צו מרת פייגא ע"ה בת הרה"ג ר' אהרן יצחק פעלבערבוים זצ"ל שו"ב וואגשעליע. בשנת תרע"ח איז ער אויפגענומען געווארן אלס דיין אין שטאט סאמבאטהעלי. ער האט דארט אויפגעטוהן גדולות ונצורות. אויך האט ער דארט

געפירט א ישיבה און האט מעמד געווען תלמידים הגונים. ער איז נסתלק געווארן בימי עלומיו ביום ב' כסלו שנת תרצ"ג, אלט זייענדיג בלויז ניין און פערציג יאר ומנו"כ אין שטאט סאמבאטהעלי מח"ס שו"ת בית אברהם. (ראה עלי זכרון 42)

## הרה"ק רבי ישראל יצחק באראן מראדשיץ זצ"ל

געבוירן בשנת תק"ע צו זיין פאטער הרה"ק רבי ישכר בער זצ"ל דער סבא קדישא פון ראדשיץ. ער איז געווען אן איידעם ביי רבי יהודא ליבוש הלוי בן הרה"ק רבי ראובן מדזארנאוווצא זצ"ל בעל דודאים בשדה, ובזוו"ש איז ער געווען אן איידעם ביי רבי ישעיה הכהן זינגער זצ"ל. נאך די פטירה פון זיין טאטע איז ער געפארן צו הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זצ"ל, צו הרה"ק מרוזין זצ"ל, צו הרה"ק מדיזקוב זצ"ל און צו הרה"ק רבי מאיר מפרעמשלאן זצ"ל. ער נסתלק געווארן אין ווארשע ביום ב' כסלו שנת תרי"ח.

## הגאון רבי ברוך עוזר זצ"ל
## ראב"ד אה"ו

געבוירן שנת תק"ג אין פראג צו זיין פאטער הגאון רבי מאיר זצ"ל. יונגערהייט האבן שוין מעיד געווען אויף אים גדולי דורו אז ער קען ש"ס ופוסקים בע"פ, אין שנת תק"מ איז ער אויפגענומען געווארן אלס ראב"ד אה"ו (די דריי קהילות אלטנא האנבורג וואנזבעק.) דארט האט ער לחום געווען קעגן די מסיתים ומדחים די פושעי ישראל און מסכלים וואס האבן געוואלט משנה זיין די נוסח התפילה. ער איז נסתלק געווארן ביום ג' כסלו שנת תקפ"ג. מח"ס אלה דברי הברית, די ספר איז געווען די ערשטע ספר וואס איז ארויסגעקומען קעגן די נעלאגען און די ראפארמער. (ראה בספר חומת אש פרק ב' עוד על ספר הנ"ל)

# ג' כסלו

## הגאון רבי נחמיה שליט זצ"ל
## אב"ד סאסוב

געבוירן בשנת תק"כ אין שטאט לבוב. תורת הנגלה האט ער מקבל געווען פון הגאון רבי משולם איגרא מסטימניץ זצ"ל אב"ד פרעשבורג און דרכי החסידות האט ער מקבל געווען פון הרה"ק רבי אברהם משה מפשעווארסק זצ"ל בעל אור פני משה. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט סאסוב. הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זצ"ל וועלכע איז געווען זיין קרוב מצד אשתו, (שניהם היו חתנים לשני אחים בסאסוב) האט אים געבעטן איבער צו נעמען די רבנות פון אים, זייענדיג זייער טרוד מיט זיינע נסיעות וועגן מצות מילה אין פדיון שבויים, האט ער נישט געהאט קיין צייט זיך אפצוגעבן מיט די שטאט. ער איז אויך געווען א זייער באליבט ביי הגאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל. עס האט זיך אמאל געמאכט אז רבי שלמה איז אוועק געפארן פאר א קורצע תקופה פון שטאט בראדי, האט ער אים געבעטן ער זאל קומען קיין בראדי צו פסקנ'ן איסור והיתר אין די טעג וואס ער נישט דארט געווען. אין יאר ת"ר איז ער געפארן אויף א שבת אין שטאט גלונא צו מקבל זיין פני הקודש פון הרה"ק מרוזין זצ"ל, וואס האט דארט געוויילט, ווי מען האט נאר ארייגעלאזט רבנים ויחיד סגולה. בשנות זקנותו האט געלערנט מיט אים די הוראה הרה"ק בעל שם שלמה ממונקאטש זצ"ל (ראה בספר בית שלמה אות ל"א "אם כי היה אז כבן תשעים שנה, לא נס ליחה והיה משיירי כנסת הגדולה מחסידים הראשונים, וקיבל ממנו כמה דרכים ועניינים"). ער איז נסתלק געווארן ביום ג' כסלו תר"י אלט זייענדיג ארום ניינציג יאר ומנו"כ אין שטאט סאסוב נעבן די ציון פון הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זצ"ל. ער האט איבערגעלאזט אסאך חידוש תורה וואס איז פארברענט געווארן אין א שריפה אין שטאט סאסוב. (ראה קובץ נחלת צבי גליון ב')

לִיטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון, ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com